אויף תיכף ארויסצוגעבן: 4/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**אפאָרדעבעל האוזינג אין לאנג איילענד: גאווערנער האקול אנאנסירט קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף אפאָרדעבעל האוזינג פראיעקט מיט 66 יוניטס פאר עלטערע מענטשן**

***סופאָלק קאונטי מעדפארד אפארטמענט קאמפלעקס וועט האבן שטיצנדע אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן, עלעקטרישע הייצונג און קילונג און ענערגיע-שפארזאמע אפלייענסעס***

***Medford Gardens האוזינג דעוועלאפמענט איז געסקעדזשולט צו פארענדיגט ווערן אין זומער פון 2026***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף Medford Gardens, אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 66 יוניטס פאר עלטערע מענטשן אין די הערמלעט אָוו מעדפארד וואס געפונט זיך אין די טאון אָוו ברוקהעיווען אין סופאָלק קאונטי. די 40 מיליאן דאלארדיגע פולשטענדיג-עלעקטרישע קאמפלעקס וועט האלטן האלב פון די יוניטס פאר מענטשן וואס נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס. אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) פינאנצירט נאענט צו 5,500 אפאָרדעבעל היימער אין לאנג איילענד. Medford Gardens זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער Hochul (האקול)'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן וואס איז אויף די רעלסן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט.

"מיר זענען פארפליכטעט צו שאפן מער געלעגנהייטן פאר עלטערע ניו יארקער צו אריבערגיין צו קלענערע היימער אין קאמיוניטיס וואס זיי האבן ליב", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "Medford Gardens וועט צושטעלן פאר הויזגעזינדער אן אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים, און עס וועט גיבן פאר שוואכערע איינוואוינער די שטיצע וואס זיי דארפן און וואס קומט זיך זיי כדי צו קענען פארזעצן צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. א דאנק פאר די טאון אָוו ברוקהעיווען פאר אייער שותפות און פארן ווייזן וואס עס מיינט צו זיין א 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי'."

געסקעדזשולט צו פארענדיגט ווערן אין זומער פון 2026, איז די Medford Gardens קאמפלעקס א באדייטנדע אינוועסטירונג אין די וואוילזיין פון עלטערע מענטשן, שטעלנדיג צו נישט נאר אפאָרדעבעל האוזינג נאר אויך די שטיצנדע סערוויסעס וואס זענען נויטיג צו בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן פון איינוואוינער.

אפארטמענטס ביי Medford Gardens וועלן זיין צו באקומען פאר הויזגעזינדער מיט מענטשן פון 55 יאר און עלטער וועלכע פארדינען ביז 60 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. דריי און דרייסיג שטיצנדע אפארטמענטס וועלן געהאלטן ווערן פאר בארעכטיגטע עלטערע מענטשן וועלכע מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט און גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען. דער פראיעקט ווערט דעוועלאפט דורך WellLife Network, וואס שטעלט אויך צו די אויפן-ארטיגע שטיצע פאר בארעכטיגטע

טענאנטס ווי צום ביישפיל געזונטהייט סערוויסעס, קעיס מענעדזשמענט, קריזיס אינטערווענץ און ארבעט סקילס טרענירונג.

די נייע דריי-שטאקיגע געביידע וועט אויך האבן ענווייראמענט-פריינטליכע אייגנשאפטן ווי עלעקטרישע הייצונג און קילונג, ענערגיע-שפארזאמע אפלייענס, ארייגרעכענעדיג איינריכטונגען צו וואשן וועש, עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס, שטורעם וואסער אפלויף טייכלעך און דרויסנדיגע גרינע שטחים.

Medford Gardens ווערט געשטיצט דורך די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל'ס פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט ( Low Income Housing Tax Credit) פראגראמען וועלכע זענען ערווארטעט צו אויפטרייבן 19 מיליאן דאלאר פון אינוועסטירער; 6.7 מיליאן דאלאר פון איר 'שטיצנדע האוזינג געלעגנהייט' (Supportive Housing Opportunity) פראגראם; 3.6 מיליאן דאלאר פון איר פעדעראלע האוזינג טראַסט פאָנד (Housing Trust Fund); און נאענט צו $800,000 פון איר NYS HOME פראגראם. נאך שטיצע רעכנטט אריין 7.9 מיליאן דאלאר פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing Assistance Program). די פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס פון די 33 שטיצנדע יוּניטס ווערט צוגעשטעלט פון די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health).

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "דאס בויען אפאָרדעבעל, ענערגיע-שפארזאמע און שטיצנדע היימער איז די צענטראלע געביט פון די HCR'ס ארבעט. די 40 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט געבן פאר 66 עלטערע הויזגעזינדער די געלעגנהייט צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט אין א פלאץ וואס זיי קענען זיך ערלויבן. מיר באדאנקען די טאון אָוו ברוּקהעיווען – א סערטיפייד 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי' – און אזוי אויך WellLife און אנדערע לאקאלע שותפים פארן מיטטיילן אונזער חזון ביים אדרעסירן די האוזינג קריזיס אין לאנג איילענד."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, Barbara C. Guinn (בארבארע סי. גווין), האט געזאגט,** "איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט Medford Gardens צושטעלן פאר עלטערע מענטשן וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט זיכערע, אפאָרדעבעל און ענערגיע-שפארזאמע אפארטמענטס וואס זיי קענען פאררופן א היים, צוזאמען מיט אויפן-ארטיגע צוטריט צו שטיצע סערוויסעס וואס וועלן זיי העלפן לעבן סטאבילע און ערפאלגרייכע לעבנס אין סופאָלק קאונטי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען צו אויסברייטערן שטיצנדע האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט, און פאר WellLife Network און אלע די סטעיט און לאקאלע שותפים וועלכע שטיצן דעם גאר-נויטיגן פראיעקט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, Dr. Ann Sullivan (דר. ען סאָליוון), האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג שטעלט איז א קריטישע געביט פון אונזערע מיהען צו זיכער מאכן אז אלע עלטערע מענטשן אין אונזער סטעיט – באזונדערס די וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט – צו האבן א זיכערע אוןווארעמע פלאץ צו פאררופן א היים. Medford Gardens וועט העלפן אדרעסירן די קריטישע נויט אין לאנג איילענד, וואו די פארלאנג פאר אפאָרדעבעל האוזינג איז הויעך. די דעוועלאפמענט, אזוי ווי אנדערע וועלכע זענען געשטיצט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו, ווייזט ארויס גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארגעזעצטע אנטשלאסנקייט צו אוועקשטעלן מער ספעציאליזירטע האוזינג צו באדינען די ניו יארקער וועלכע זענען דאס מערסטע אין נויט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן (Office for the Aging) צייטווייליגע דירעקטאר, Greg Olsen (גרעג אלסען), האט געזאגט,** "דער Medford Gardens פראיעקט ווייזט ארויס גאווערנער Hochul (האקול)'ס אנטשיידענע פארפליכטונג צו עלטערע ניו יארקער, און עס ווידערהאלט אונזער ערנסטע פארפליכטונג צו ווערן דעזיגנירט אלס אן 'עלטערע מענטשן-פריינטליכע' סטעיט. דאס איז באזונדערס באדייטנד ווייל עס העלפט די נויטבאדערפטיגע און אדרעסירט די האוזינג קריזיס אין לאנג איילענד. אפארדעבעל האוזינג מיט אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס וועט העלפן זיכער מאכן אז עלטערע ניו יארקער קענען זיין ווי זעלבסטשטענדיג וואס איז נאר מעגליך פאר ווי לאנג מעגליך אין די היימער און קאמיוניטיס פון זייער אויסוואהל."

**CEO פון WellLife Network, Sherry Tucker (שערי טאקער), האט געזאגט,** " Medford Gardens וועט זיין מער פון בלויז ציגל און צעמענט — עס וועט זיין א סימבאל פון האפענונג, סטאביליטעט און גלעגנהייט פאר קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע דארפן דאס די מערסטע. דורכן אויסברייטערן צוטריט צו פארצווייפלט-נויטיגע אפארדעבעל און שטיצנדע האוזינג, טוהען מיר אינוועסטירן אין די צוקונפט פון מענטשן וועלכע קומען זיך א זיכערע און שטיצנדע פלאץ צו פאררופן א היים. די דעוועלאפמענט שטרייכט אונטער WellLife'ס פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז יעדער לאנג איילענד איינוואוינער האט די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צו בליהען."

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו Ed Romaine (עד ראמעין) האט געזאגט,** "קלוגע אפארדעבעל האוזינג פראיעקטן זענען גאר וויכטיג צו האלטן מענטשן דא אין לאנג איילענד. די איניציאטיוו העלפט ערגרייכן די ציהל, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די ניו יארק סטעיט רעגירונג און מיט אונזערע לאקאלע פירער צו צושטעלן מער האוזינג געלעגנהייטן פאר די וועלכע ווילן פאררופן לאנג איילענד אלס זייער היים."

**ברוקהעיווען טאון סופערווייזער Dan Panico (דען פעניקאו) האט געזאגט,** "דאס באקעמפן האוזינג אומזיכערהייט פאר עלטערע מענטשן, אריינרעכנענדיג אזעלכע עלטערע מענטשן מיט דיסאביליטיס, פארלאנגט שריט דורך לאקאלע רעגירונגען ארבעטנדיג מיט שותפים אין די אינדוסטריע. צום באדויער זענען דא פילע אזעלכע עלטערע מענטשן וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד אין די מיליטער, און דאך שטייען זיי אויס היימלאזיגקייט. די טאון איז ברוקהעיווען ארבעט אקטיווערהייט צו רעדוצירן היימלאזיגקייט פאר אונזערע איינוואוינער, באזונדערס פאר אונזערע וועטעראנען."

**סטעיט סענאטאר Dean Murray (דיען מורי) האט געזאגט,** "די וועלט זאגט אז די וועג וויאזוי מיר באהאנדלען די נויטבאדערפטיגע דערציילט ווער מיר זענען. איך בין שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער Hochul (האקול), די איינגעשטעלטע ביי די NYS האמס ענד קאמיוניטי רינועל און מיט אונזערע פריינט ביי WellLife Network צו אהערשטעלן אן אפארדעבעל, אפארטמענט געביידע דעוועלאפמענט וואס שטעלט אויך צו שטיצנדע סערוויסעס פאר די וועלכע נויטיגן זיך דערין."

**אסעמבלי מיטגליד Joe DeStefano (דזשאו דעסטעפאנאו) האט געזאגט,** "Medford Gardens איז א פריידיג-אויפגענומענע צוגאב צו אונזער קאמיוניטי, און מיר קוקן ארויס צו זעהן אירע נייע איינוואוינער. די אפארדעבעל, שטיצנדע האוזינג וועט טראנספארמירן זייערע לעבנס."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט

קאמיוניטיס, נייע אנרייך מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפֿארדעבעל היימער אריבער די סטעיט, ארייינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 55,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. דאס האבן סערטיפיקאציע אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי איז יעצט א תנאי פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט רעגירונג האט שיקול הדעת. שטייענדיג היינט, זענען נאענט צו 300 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן, ארייינרעכענענדיג טאון אָוו ברוּקהעיווען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן